ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

## בהעלותך

**(חלק כח שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת בהעלותך, יב־יח סיון, ה׳תשפ״ה (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# בהעלותך

א. בתחלת פרשתנו, נאָך די פסוקים[1] „בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות" און „ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותי' גו'", שטייט אין פסוק[2] „וזה מעשה המנורה מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא כמראה אשר הראה ה' את משה כן עשה את המנורה".

איז ידוע וואָס מפרשים פרעגן[3]: אין די ערשטע פסוקים פון דער פרשה רעדט זיך דאָך וועגן דעם ציווי צו אהרן ווי אַזוי עס דאַרף זיין די הדלקת הנרות, אַז „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות"; וועגן דעם אופן פון מעשה המנורה האָט זיך גערעדט אַ סך פריער, אין פ' תרומה[4] — איז וואָס איז די שייכות פון פסוק „וזה מעשה המנורה" צו דער פרשה דאָ?

און וויבאַלד דאָס איז אַ שאלה וואָס ווערט אין לימוד באופן פון פשוטו של מקרא, איז ניט פאַרשטאַנדיק, פאַרוואָס רש"י שטעלט זיך אויף דעם ניט אָפּ בפירושו?

ב. דער רמב"ן[5] איז מבאר אַז דער טעם הכתוב „וזה מעשה המנורה" איז „לרמוז לדורות שצריך שתהי' מקשה כי הוא מעכב בה".

ס'איז אָבער נאָך אַלץ ניט מובן לפרש"י[6]: אויך דער דין אַז אויך לדורות איז „מקשה" לעיכובא, האָט לכאורה געדאַרפט שטיין ניט דאָ, נאָר[7] אין די פריערדיקע פרשיות — אין פ' תרומה אָדער אין פ' אמור[8]?

דער אור החיים[9] איז מסביר[10], אַז דער פסוק קומט באַוואָרענען אַ טעות אין פירוש הכתובים: וויבאַלד עס שטייט „בהעלותך את הנרות", און דאָס מיינט (לפירושו) אַז די נרות זיינען ניט קבועים אין די קני המנורה, מ'פלעגט זיי אַראָפּ־נעמען און דערנאָך צוריק מעלה זיין אויף דער מנורה[11], וואָלט מען געקענט מיינען אַז אַזוי איז אויך מיט די אַנדערע חלקי המנורה אַז נאָך דעם ווי די מנורה איז געמאַכט געוואָרן איז ניטאָ קיין חיוב אַז זי זאָל זיין „מקשה"; און דאָס וואָס עס שטייט „מקשה" איז נאָר בתחלה, אָבער „אח"כ יכול לעשות

1) ח, ב־ג.

2) שם, ד.

3) ראה אברבנאל. אלשיך. אוה"ח. ועוד. סה"מ תקס"ו ע' רמב.

4) בהציווי — כה, לא ואילך. וכן בעשייתו בפועל — ויקהל (לז, יז ואילך).

5) פרשתנו עה"פ.

6) להרמב"ן — ראה לקמן סעיף ה.

7) ובפרט דלדעת רש"י י"ל שכבר נכלל בציווי הכתוב (תרומה כה, ט) וכן תעשו — „לדורות אם יאבד אחד מן הכלים או כשתעשו כלי בית עולמים כגון שולחנות ומנורות כו' כתבנית אלו תעשו אותם" (ל' רש"י שם). אף שי"ל (בדוחק) דהציווי הוא רק בנוגע „כתבנית אלו", ואין נכלל בזה אופן עשייתם, כולל זה שהי' „מקשה" וכיו"ב.

8) ובפרט דשם נאמר (כד, ג) חקת עולם לדורותיכם, והיא „פ' מצות הנרות", כפרש"י שם, ב (וראה רמב"ן שם (הובא לקמן סעיף ד) „צורך הפרשה הזאת לשני דברים כו'"). ולפ"ז הול"ל דין „מקשה" — שם. וראה סוגיית הגמ' מנחות כח, א ובפרש"י ותוס' שם.

9) פרשתנו שם, ד.

10) להמ"ד (מנחות פח, ב) לא קביעי נרות.

11) וכן פירש בחזקוני (בפי' הב') ובפענח רזא כאן.

כאשר יחפוץ"[12] — דערפאַר איז דער פסוק מוסיף „וזה מעשה המנורה מקשה וגו'" אַז דער דין „מקשה" איז אויך שפּעטער.

מען קען אָבער אַזוי ניט מסביר זיין לויט פרש"י — וואָרום אע"פ שי"ל אַז אויך לדעת רש"י עה"ת זיינען די נרות ניט געווען איין חלק מיט דער מנורה[13], ובמילא איז מקום לומר אַז מ'האָט יעדן מאָל אַראָפּגענומען און מעלה געווען די נרות אויף דער מנורה, איז אָבער

[נוסף ע"ז וואָס אין פשוטו של מקרא איז שווער צו זאָגן אַז דערפון וואָס די נרות זיינען געווען באַזונדער און מ'האָט זיי יעדן טאָג מעלה געווען אויף דער מנורה זאָל מען אָפּלערנען אויף דער גאַנצער מנורה, וויבאַלד אַז במקום הציווי ע"ז אין פ' תרומה איז קלאָר[13] אַז די גאַנצע מנורה דאַרף זיין „מקשה" (מלבד די נרות) — איז]

אין דעם פירוש הכתוב „בהעלותך" טייטשט רש"י בפירוש „על שם שהלהב עולה כתוב בהדלקתן לשון עלי' שצריך להדליק עד שתהא שלהבת עולה מאלי'". זעט מען, אַז רש"י לערנט דעם פירוש אין „בהעלותך את הנרות" ניט אַז מ'איז מעלה די נרות אויף דער מנורה (וואָרום אויב אַזוי איז דאָך ניטאָ קיין מקור לפירושו[14]; דער פסוק רעדט (כפשוטו) וועגן „להב" — „שהלהב עולה" — און נרות מאַן דכר שמי').

בלייבט די שאלה: פאַרוואָס שטייט דאָ דער פסוק „וזה מעשה גו' מקשה"[15].

ג. אויך דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז די הוספה אין דער פרשה „בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות"? דער ציווי איז שוין געזאָגט געוואָרן אין פ' תרומה[16] „ועשית את נרותי' שבעה והעלה את נרותי' והאיר על עבר פני'"[17].

נאָכמער: וויבאַלד אַז די עשיית הנרות איז געווען אין אַן אופן אַז זיי קערן זיך כלפי דעם נר האמצעי, ווי רש"י איז מפרש אין פ' תרומה[16] „והאיר על עבר פני' — עשה פי ששת הנרות שבראשי הקנים היוצאים מצדי' מסובים כלפי האמצעי כדי שיהיו הנרות כשתדליקם מאירים אל עבר פני' מוסב אורם אל צד פני הקנה האמצעי שהוא גוף המנורה" — ווי פאַסט בכלל אַ ציווי אויף דעם, בשעת אַזוי איז דאָס בדרך ממילא, די נרות דאַרפן געמאַכט ווערן באופן זה ווי אָנגעזאָגט ביי דער עשי'[18].

12) לשון האוה"ח שם.

13) ראה לקו"ש חט"ז ע' 324. וש"נ.

14) וכן זה ד„דרשו רבותינו (שהביא רש"י שם) מכאן שמעלה היתה לפני המנורה שעלי' הכהן עומד ומטיב".

15) בחזקוני כאן: ענין מלאכת המנורה נאמרה במקום אחר ונשנה כאן בשביל פרח הירך שנתחדש בה הוא שנאמר כאן עד ירכה עד פרחה (וכ"ה במנחות כט, רע"א. רמב"ם הל' ביהב"ח רפ"ג). אבל, אף שבפ' תרומה (כה, לה) הביא רש"י מברייתא דמלאכת המשכן דלמדין מפרח דפרשתנו, בפרש"י כאן אינו מפרש כן, כדמוכח מפירושו עה"פ כאן (ואכ"מ).

16) כה, לז.

17) דרש"י בתחלת פרשתנו מתרץ רק הסמיכות לפרשת הנשיאים, אבל אינו מבאר טעם כפל הציווי בכלל. ואין לומר שלפרש"י לא נתחדש כאן שום דבר בעצם הציווי ורק גודל הדלקת הנרות על ידי אהרן, ד„גדולה משלהם", מחנוכת הנשיאים — כי: א) מלשון רש"י „למה נסמכה" מובן שהשאלה היא על הסמיכות ולא ע"ז שנאמר בכלל (וראה לקו"ש חי"ח ע' 92 ואילך). ב) לפ"ז לא הוצרך הכתוב להוסיף ציווי פרטי, כ"א ציווי כללי דהדלקת והטבת הנרות.

18) כמו שהקשה בדברי דוד (להט"ז) תרומה שם. וראה הערה 23.

וי״ל אַז רש״י באַוואָרנט עס. ער איז מפרש „יאירו שבעת הנרות — ששה[19] שעל ששת הקנים שלשת המזרחיים פונים למול האמצעי הפתילות שבהן וכן שלשת המערביים ראשי[20] הפתילות למול האמצעי״. דערפון וואָס רש״י איז משנה בלשונו דאָ „הפתילות . . ראשי הפתילות״ — ניט ווי בפירושו בפ׳ תרומה „פי ששת הנרות״ — איז מובן, אַז דאָ איז אַ באַזונדער ציווי צו אהרן, אַז נוסף אויף דעם וואָס פי ששת הנרות זיינען מסובים כלפי האמצעי[21], דאַרף[22] אהרן אויך מטה זיין די פתילות[23], זיי זאָלן פונה זיין כלפי האמצעי, וואָס פון דעם הייגנט אָפּ ווי עס וועט זיין דער „יאירו (פון די) שבעת הנרות״.

לפ״ז דאַרף מען אָבער פאַרשטיין לשון הכתוב בפרשתנו „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות״: וויבאַלד אַז דאָ איז צוגעקומען אַ ציווי אין דער מעשה ההדלקה פון אהרן, האָט דאָך געדאַרפט שטיין בלשון ציווי לאהרן „תאיר שבעת הנרות״, און ניט „יאירו״, אַז די נרות זאָלן לייכטן[24]?

**ד. איז דער ביאור בזה — בהקדם:**

אין די פרשיות וואו עס רעדט זיך וועגן דער מנורה געפינט מען אַ מחלוקת צווישן רש״י און רמב״ן:

א) אין פ׳ אמור[25], וואו עס שטייט דער ציווי „ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור להעלות נר תמיד מחוץ לפרוכת העדות באהל מועד יערוך אותו אהרן גו׳״ זאָגט רש״י: זו פרשת מצות הנרות ופרשת ואתה תצוה לא נאמרה אלא על סדר מלאכת המשכן לפרש צורך המנורה.

19) ובחזקוני גורס ברש״י „הנרות שעל כו׳״ — „אלא שהספרים כו׳״. וראה מושב זקנים כאן (סוף פסוק ב) בשם החזקוני.

20) הוספה בהענין ותוספת ביאור — וקאי גם על המזרחיים.

21) וראה גם פרש״י מגילה כא, ב ד״ה אל מול (וראה גם שוה״ג הא׳ להערה 23). וברמב״ם הל׳ ביהב״ח (פ״ג ה״ח): ששת הנרות הקבועים בששת הקנים היוצאים מן המנורה כולן פניהם לנר האמצעי שעל קני* המנורה. ומשמע שהוא דבר שנעשה ב(מעשה) המנורה, ולא פעולה בהפתילות.

22) אבל ראה ס׳ זכרון כאן (ח, ב), דברי דוד ומשכיל לדוד תרומה שם.

23) שצריך להטות הפתילות — כן משמע גם בפרש״י מנחות צח, ב ד״ה מצדד להו, אבל לאו דוקא שגם הנרות עצמן מצודדין*. אבל מפרש״י פרשתנו, שהוסיף „הפתילות שבהן . . ראשי הפתילות כו׳״ ולא הסתפק במ״ש „ששה שעל ששת הקנים כו׳ פונים למול האמצעי״ והי׳ מובן שפירושו כמ״ש בפ׳ תרומה, משמע דהיתה פעולה בפ״ע בהפתילות בעת שהדליק. וכ״כ בחת״ס עה״ת ריש פרשתנו**. אבל ראה מקומות שבהערה הקודמת.

24) וכמו שהקשה באוה״ח כאן ד״ה בהעלותך. ובאוה״ח מתרץ (לשיטתו) כי הציווי רק על ההכנה (הנרות עצמן), אבל לפי המבואר בפנים לפרש״י, שהציווי כאן גם על אופן הנחת הפתילה — הקושיא במקומה עומדת.

25) כד, ב־ג.

*) כ״ה בדפוסים שלפנינו (וכן בדפוסים הראשונים דהרמב״ם) ובקרית ספר לרמב״ם שם „שעל **קנה** המנורה״. וכן הוא ברמב״ם שנדפס עם פירוש הר המורי׳ (אלא דיש שם טה״ד כנראה, שהתיבות לפנ״ז שם „פניהם **לצד** האמצעי״, ולא כלפנינו **לנר** האמצעי).

ואוצ״ל: של קני.

*) או י״ל להיפך, שרק הנרות מצודדין ולא הפתילות.

**) בבאר מים חיים (לאחי המהר״ל) מפרש בפרשתנו, דהבזיכין „היו עגולות **ושוין** לכל צד **ולא** הי׳ להן שנצין, אלא שהכהן ממשיך הפתילות כפי רצונו וזה נלמד מדהוצרך לצוות את אהרן ולא ציוה את בצלאל לעשות היכר בנרות מקום שיניח כו הפתילות״, והיינו כבתחלת ההערה. וצ״ע: נוסף לזה שבפרש״י תרומה מוכח דהנרות עצמן מצודדין, הרי גם בעצמו מפרש שם „שהי׳ עושה לבזיכין עצמן כמין **שנצין** שהפתילה מונח בו״.

דער רמב״ן דאָרטן אין פ׳ אמור איז חולק אויף רש״י און לערנט „צורך הפרשה הזאת״ (פ׳ אמור) לגבי הדלקת המנורה, אַז „שם (בפ׳ תצוה) עוד לא אמר אלא יערוך אותו אהרן ובניו וגו׳ והי׳ במשמע על המנורה או בלא מנורה אם תשבר או תאבד כו׳ ועכשיו[26] אמר בפירוש על המנורה הטהורה[27] שלא ידליקו אלא על מנורה הטהורה״.

ד.ה. לויט רש״י איז פרשת אמור דער ציווי פון די „פרשת מצות הנרות״, און לויטן רמב״ן איז דאָס אַ המשך און אַ פרט אין דער מצות הדלקת הנרות (שבפ׳ תצוה), אַז זי דאַרף זיין דוקא על המנורה.

ב) בתחלת פרשתנו איז רש״י מפרש „למה נסמכה פרשת המנורה לפרשת הנשיאים לפי שכשראה אהרן חנוכת הנשיאים כו׳ אמר לו הקב״ה חייך שלך גדולה משלהם שאתה מדליק ומטיב את הנרות״.

דער רמב״ן פרעגט אויף רש״י און לערנט אַנדערש, אַז כשם ווי די פרשה אין אמור איז אַ הוספה אויף דער פרשה פון ואתה תצוה (אַז די הדלקה מוז זיין על המנורה דוקא), עד״ז איז די פרשה — „ובכאן כאשר השלים להזכיר הקמת המשכן השלים עוד כל דיני הנרות וצוה שיהיו שבעת הנרות כולן דולקות לדורות אל מול פני המנורה, כאשר הזכיר במעשה המנורה כו׳ לא בלתי מנורה ולא בלתי שיאירו כולם אל עבר פני״ (און אַזוי זאָל אויך זיין לדורות, וואָס דערפאַר „לא הזכיר בפרשה הזאת באה״מ ללמד שיהי׳ כן במקדש כו׳״).

---

26) וגם בנוגע להשמן — לדורות, כמבואר ברמב״ן שם (ובפרשתנו הזכיר בנוגע לפ׳ אמור — רק המובא בפנים).

27) שם, ד.

ולפ״ז קומט אויס דער חילוק צווישן רש״י און רמב״ן:

לויט רש״י זיינען פאַראַן דריי באַזונדערע פרשיות בנוגע צו דער מנורה: דער ציווי בר״פ תצוה איז אַ טייל פון דעם ציווי וסדר מלאכת המשכן (פון פ׳ תרומה), בפ׳ אמור איז „פרשת מצות הנרות״, און פרשתנו „בהעלותך את הנרות״ איז „פרשת המנורה״ (ניט „פרשת . . הנרות״ — ווי אין פ׳ אמור);

אָבער לויטן רמב״ן, איז פ׳ תצוה די פרשה פון דער מצות הדלקת הנרות, און די ציוויים בפ׳ אמור ושבפרשתנו זיינען ביידע פרטים והשלמות אין דיני הדלקת הנרות (אַז עס דאַרף זיין אויף אַ מנורה דוקא, ושיאירו אל עבר פני׳).

ה. ע״פ הנ״ל, קומט אויס אַ חילוק צווישן רש״י און רמב״ן — אויך בנוגע דעם פסוק „וזה מעשה המנורה מקשה גו׳״:

לדעת הרמב״ן, וויבאַלד דער תוכן הפרשה („בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו גו׳״) איז אַ המשך „לדיני הנרות״ — הדלקת המנורה, איז אויך דער סיום, דער פסוק „וזה מעשה המנורה מקשה גו׳״ אַ פרט און השלמה אין דיני הנרות — צוליב מקיים זיין מצות הדלקת הנרות: כשם ווי די הדלקה דאַרף זיין אויף אַ מנורה דוקא (און ניט „בלא מנורה״), דאַרף דאָס זיין אויף אַ מנורה וואָס איז „מקשה״, און אויב ניט איז דאָס מעכב די הדלקת הנרות.

לויט פרש״י אָבער, וואָס ער רופט אָן די פרשה „פרשת המנורה״ (כנ״ל), קומט אויס, אַז דער עיקר בפרשתנו איז וועגן מעשה המנורה (ניט הדלקת הנרות) וועלכע ווערט געזאָגט אין דעם פסוק „וזה מעשה המנורה מקשה גו׳״.

ס'איז אָבער צריך ביאור: די פרשה רעדט דאָך לכאורה (בעיקר) ניט וועגן דער מנורה גופא, נאָר וועגן דער מצוה פון הדלקת הנרות, „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות"?

איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז אויך דער ענין פון „אל מול פני המנורה" איז נוגע (ניט אַזוי צו דעם קיום מצות הדלקת הנרות, נאָר) צו דעם עצם גוף המנורה.

ו. די הסברה אין דעם:

אין די פסוקים בפ' תרומה, וואו עס ווערט גערעדט וועגן מעשה המנורה, שטייט[28] „ועשית מנורת זהב טהור מקשה תיעשה המנורה ירכה וקנה גביעי' כפתורי' ופרחי' ממנה יהיו". דערנאָך שטייט אין פסוק „וששה קנים יוצאים מצדי' שלשה קני מנורה מצדה האחד ושלשה קני מנורה מצדה השני".

קומט אויס, אַז אע"פ וואָס די גאַנצע מנורה איז געווען „מקשה אחת זהב"[29] איז אָבער דאָ אַ חילוק צווישן דעם קנה האמצעי „גופה של מנורה" מיט די „ששה קנים": אין גופה של מנורה האָבן זיך ניט אָנגעזען קיין באַזונדערע חלקים, ס'האָט זיך קלאָר געזען איין כלי, זאַך; משא"כ די ששת הקנים כאָטש עשייתם איז געווען פון דעם זעלבן „עשת . . זהב"[30], איז אָבער לאחרי עשיית המנורה ניט געווען ניכר בגלוי ווי דאָס איז איין זאַך מיט „גופה של מנורה".

בשעת אָבער אהרן איז מקיים „בהע־לותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות", איז דורכדעם וואָס

28) כה, לא ואילך.
29) שם, לו.
30) ל' רש"י פרשתנו ח, ד (ד"ה מקשה).

אַלע ששת הנרות לייכטן אל פני המנורה, מול נר האמצעי, ווערט ניכר ניט בלויז ווי דאָס איז איין מנורה, נאָר ווי אַלע נרות זיינען אַ חלק פון (ופרט טפל צו) גופה של מנורה, נר האמצעי[31].

קומט במילא אויס, אַז אע"פ וואָס בפועל איז דער ציווי דאָ נוגע צו דער מעשה ההדלקה פון אהרן, די פעולה פון אהרן אין די פתילות[32] (ניט אַ פעולה פאַרבונדן מיט עשיית המנורה — די מעשה אין פי הנרות), איז אָבער תוכנו וגדרו נוגע (אויך) צו דער מנורה גופא[33].

און דערפאַר שטייט ניט אין פסוק דער לשון „תאיר שבעת הנרות" בסגנון של ציווי צו אהרן, נאָר „יאירו שבעת הנרות", ווייל דער תוכן וגדר פון „אל מול פני המנורה" איז (ניט נאָר אַ דין ומצוה אין דער מעשה הדלקה של הגברא, נאָר) אַ דין אין דער חפצא של המנורה.

און בכדי צו אַרויסברענגען דעם ענין ווי „אל מול פני המנורה" איז אַ חלק פון „פרשת המנורה" — ניט פון „פרשת מצות הנרות" — איז דער פסוק מוסיף

31) ועפ"ז יומתק זה שרש"י לא הביא דנר האמצעי — נר מערבי — כלפי שכינה (כבמגילה שם. וכ"כ ברמב"ם שם „כנגד קדש הקדשים") — כי עיקר ההדגשה כאן הוא לא לבאר מקום הטיית הנרות, כ"א מה שעי"ז ניכר ששת הקנים הם אחד עם גופה של מנורה, נר האמצעי.

32) והטעם כפי שמסיים בפרש"י „ולמה כדי שלא יאמרו לאורה הוא צריך". וראה הערה הבאה.

33) וזה מודגש גם בהטעם דפרש"י „שלא יאמרו לאורה הוא צריך" [ראה מפרשים (באר היטב. צידה לדרך. ועוד) דכאשר כולם פונים אל האמצעי אין האור מתפשט ומאיר (כ"כ)] וא"כ ע"י שפעולת ההדלקה היא אל מול פני המנורה, ניכר שהמנורה לא לאורה כו' נמצא שתוכן פעולת אהרן היא לא רק הדלקת נרות — שמאיר אור, כ"א גם גמר מעשה המנורה.

דאָ „וזה מעשה המנורה מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא"; און נאָכ־מער: דער פסוק רעכנט דאָ ניט אויס באַזונדער די מנורה, גופה של מנורה מיט די קנים גביעים כפתורים ופרחים ווי אין פ' תרומה, נאָר איין כללות'דיקן לשון „המנורה . . עד פרחה".

ויש לומר אַז דאָס איז דער דיוק הלשון אין פרש"י „גופה של מנורה כולה וכל התלוי בה", ווייל דאָ איז נוגע ניט (נאָר) די עצם זאַך אַז „כולה מקשה אחת" אין דעם אופן העשי' (ווי אין פ' תרומה), נאָר ווי אַלץ איז אַ חלק פון דעם גוף המנורה „גופה של מנורה וכל התלוי בה".

ז. לכאורה קען מען אָבער פרעגן:

רש"י בתחלת הפרשה פירט אויס, אַז דערויף וואָס „חלשה אז דעתו (של אהרן) כשלא הי' עמהם בחנוכה לא הוא ולא שבטו", האָט אים דער אויבערשטער מנחם געווען „שאתה מדליק ומטיב את הנרות". הייסט עס דאָך אַז די פרשה רעדט בעיקר וועגן „מדליק ומטיב את הנרות", ווי שטימט עס מיט הנ"ל אַז דער תוכן הפרשה איז (ניט די עצם מעשה הדלקה והטבה של הנרות, נאָר) „פרשת המנורה", וואָס איז נוגע צו דעם גוף המנורה?

איז דער ביאור אין דעם:

שוין גערעדט אַמאָל בארוכה[34] אַז דיבור ה' „(חייך שלך גדולה משלהם) שאתה מדליק ומטיב את הנרות" מיינט ניט (נאָר) די הדלקת הנרות פון אהרן כשלעצמה (און אַז דאָס איז גרעסער ווי די חנוכת המזבח פון די נשיאים)[35], נאָר ס'מיינט אַז דאָס וואָס „אתה מדליק ומטיב את הנרות" איז אַ גדר פון חנוכת המנורה: אין די אַלע צוועלף טעג וואָס די נשיאים האָבן געבראַכט זייערע קרבנות לחנוכת המזבח — איז די אַלע צוועלף טעג אהרן מדליק ומטיב את הנרות, וואָס דאָס איז אַ גדר פון חנוכת המנורה (און דער „שלך גדולה" איז אין כו"כ פרטים כמבואר אז[34]),

און עיקרו ותוכנו פון ענין החנוכה איז ניט אַזוי די פעולת העבודה, די (הקרבה ו)הדלקה של הגברא, נאָר דאָס וואָס ער פועל'ט דעם גמר המעשה וקדושת החפצא — המנורה, וואָס מאַכט מעגלעך דעם המשך העבודה — הדלקה והטבה של המנורה — בשלימות.

ח. דער ביאור בפנימיות הענינים:

די[36] נשמה ווערט אָנגערופן נר, כמ"ש[37] נר ה' נשמת אדם, אַז כללות נשמות ישראל ווערט אָנגערופן מנורה, וואָס אין דער מנורה זיינען דאָ שבעה נרות, וועלכע זיינען די זיבן מדריגות אין עבודת ה'.

איז אין דעם פאַראַן צוויי ענינים[38]: ווי די נשמות ישראל זיינען מצד שרשן, וואו „כולן מתאימות ואב אחד לכולנה"[39], זיי שטייען אַלע בהתכללות ובהתאחדות, ביז אַז אַלע אידן זיינען איין זאַך[40]. דערנאָך, לאחרי ווי יעדער נשמה ווערט נמשך פון דעם שורש, ווערט יעדער איד אַ מציאות בפ"ע, מחולק פון דעם צווייטן, יעדער איינער

---

34) לקו"ש חי"ח ע' 94 ואילך.

35) דלפ"ז קשה קושיות הרמב"ן על פרש"י.

ועוד כו"כ שאלות כמשנ"ת בלקו"ש שם (ע' 93 ואילך).

36) בהבא לקמן ראה דרושי בהעלותך בלקו"ת ואוה"ת. תו"א דרושי חנוכה. ועוד.

37) משלי כ, כז.

38) להעיר מלקו"ש חכ"ג ע' 56 ואילך. וש"נ.

39) תניא פל"ב.

40) ראה בארוכה קונטרס אהבת ישראל. וש"נ.

פון זיי פאַרמאָגט זיינע מעלות פרטיות וואָס בהתאם לזה איז שליחותו „נבראתי לשמש את קוני"[41].

און דאָס זיינען די צוויי ענינים אין דער מנורה:

„**וזה** מעשה המנורה **מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא**" — ווייזט[42] אויף די התאחדות פון אידן ווי זיי שטייען בשרשם — „מקשה אחת **זהב טהור**", זיי שטייען בהתאחדות גמורה, בלי התחלקות מדריגות ביניהם[43].

דערנאָך ווערן זיי פאַנאַנדערגעטיילט אויף זיבן באַזונדערע קנים, זיבן באַזונדערע אופנים אין עבודת ה'.

און[42] דאָס זאָגט דער פסוק: „בהעלותך את הנרות", ווי אַזוי דאַרף זיין ווען יעדער נר ה' נשמת אדם טוט זיין עבודה פרטית? — דאַרף דאָס זיין באופן פון „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות", עס זאָל זיין ניכר אויך בגלוי אַז יעדן איינעמ'ס עבודה פרטית איז ניט קיין ענין בפ"ע, נאָר זיי אַלע זיינען פאַרבונדן; אין יעדערן איז ניכר אַז עיקרה ותוכנה פון דער עבודה פרטית זיינע — איז די נקודה כללית פון „(אני נבראתי) לשמש את קוני"[41], וועלכע איז מאיר בשווה אין יעדן אופן העבודה.

ט. און אין דעם גופא זיינען פאַראַן צוויי אופנים: צי „וזה מעשה המנורה מקשה זהב" איז נוגע און אַ פרט אין הדלקת הנרות (כדעת הרמב"ן), אָדער פאַרקערט — אַז „אל מול פני המנורה יאירו גו'" איז גומר ומשלים די מעשה המנורה (ווי לויט דעת רש"י).

אין דער פעולה פון אהרן אין נשמות ישראל — „בהעלותך את הנרות" — איז דאָ ווי ס'איז לפי פשוטה און ווי דאָס איז לפי פנימיותה ומטרתה:

רש"י, וואָס ענינו איז פשוטו של מקרא איז מפרש פעולת אהרן פון „בהעלותך את הנרות" (כפשוטה), אַז ער פועל'ט ביי נשמות ישראל אַז יעדער בפ"ע זאָל זיין בעלי', זיך ציען לשרשו ומקורו, וואָס דאָס איז מדריגת אהרן — שושבינא דמטרוניתא[44] — וואָס ער איז מעלה נשמות ישראל צו זייער שורש ומקור[45], וואָס דאָרטן שטייען זיי באופן פון „מקשה אחת".

קומט אויס, אַז די פעולת ההדלקה איז תוכנה די העלאה צו בחי' מקשה. דערפאַר לערנט רש"י אַז דער עיקר הענין בפרשתנו איז „פרשת המנורה" — מעשה המנורה, ד.ה. דאָס וואָס די מנורה איז באופן של „מקשה", און די הדלקת המנורה באופן פון „אל מול פני המנורה" איז אַ חלק פון „מקשה", דאָס איז משלים די אחדות פון מקשה שבמעשה המנורה.

דער רמב"ן אָבער, וואָס זיין פירוש איז ניט נאָר „פשטים" נאָר אויך „דברים נעימים ליודעי חן"[46] — סודות התורה — איז זיין פירוש בהתאם מיט דער פנימיות ומטרה פון העלאת הנרות שעל ידי אהרן: דער תכלית פון דער העלאת נשמות ישראל איז דאָך בכדי אויפטאָן (מאַכן) אַ דירה לו ית' בתחתונים[47], דוקא

41) סוף קידושין.
42) ראה בכמה מפרשי התורה פרשתנו — אלשיך, צרור המור, ספורנו. ובכ"מ.
43) ראה לקו"ת פרשתנו (לג, ג) באו"א קצת.
44) זח"א רסו, ב. לקו"ת שם ל, א. וראה ס' הערכים חב"ד ערך אהרן ס"ד ובהנסמן שם.
45) ראה בפרטיות בס' הערכים שם ס"ו.
46) כמו שכתב בהקדמתו לפירושו עה"ת.
47) תנחומא נשא טז. תניא רפל"ו.

אין עוה״ז התחתון, דער אָרט פון רשות הרבים,

איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז דער תכלית פון מקשה – די אחדות פון אידן ווי זיי זיינען מצד שרשם ומקורם – איז צו ממשיך זיין אָט די אחדות (אויך אין דעם אָרט וואו די נשמות שטייען בהתחלקות אין זיבן באַזונדערע נרות, באַזונדערע אופני עבודה, אַז אויך דאָרטן **זאָל נמשך ווערן די אחדות מצד** זייער שורש[38], וואָס דאָס דריקט זיך אויס אין דעם „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות״.

ולפ״ז קומט אויס אַז לויטן רמב״ן איז דער עיקר דאָ די הדלקה, נאָר בכדי די הדלקה זאָל זיין כדבעי, איז דאָס דורך דעם וואָס אין דער הדלקה איז ניכר די אחדות פון „מקשה״, שמצד עצם הנשמה.

(משיחות ש״פ בהעלותך תש״ל)